# NYC פערי דיסקאונט פראגראם

## טערמינען און תנאים - יושר'דיגע טיקעטס (Fair Fares)

NYCפערי (" NYCF")פירט אן מיט די פערי דיסקאונט פראגראם, וואס ערלויבט בארעכטיגטע מענטשן צו קויפן א טיקעט פאר די NYCF אין איין ריכטונג פאר רעדוצירטע פרייז. בארעכטיגטע רייזנדע אין די פערי דיסקאונט פראגראם רעכענען אריין:

- סיניאר סיטיזענס וואס זענען 56 יאר אלט און עלטער;
- מענטשן מיט דיסעביליטיס; און
- יעצטיגע אנטיילנעמער אין די יושר'דיגע טיקעטס( Fair Fares ) פראגראם.

דאס זענען די טערמינען און תנאים פאר די וואס ווילן און/אדער זענען קוואליפיצירט אנטייל צו נעמען אין די פערי דיסקאונט פראגראם אלס יעצטיגע אנטיילנעמער אין די יושר'דיגע טיקעטס NYC Fair Faresפראגראם. דורך זיך איינגעבן פאר די פערי דיסקאונט פראגראם שטימט איר איין מיט די טערמינען און תנאים.

### זיך איינשרייבן אין די NYC פערי דיסקאונט פראגראם

כדי זיך איינצושרייבן אין די פערי דיסקאונט פראגראם, מוזט איר זיך אריינגעבן אנליין, פערזענליך, אדער דורך מעיל. ביטע ערלויבט דרייסיג (30) טעג פאר אייער אפליקעישאן פראצעסירט צו ווערן. איר מוזט אויך נאכקומען די פאלגנדע בארעכטיגונג פאדערונגען.

### בארעכטיגונג פאדערונגען

כדי בארעכטיגט צו זיין אנטייל צו נעמען אין די פערי דיסקאונט פראגראם אלס א Fair Fares NYC אנטיילנעמער, מוזט איר זיין א יעצטיגער Fair Fares NYCאנטיילנעמער און האבן אן אפ־טו־דעיט Fair Fares NYC מעטראקארד. (Fair Fares Access-A-Ride (AAR אנטיילנעמער זאלן זיך איינגעבן פאר די NYCפערי דיסקאונט פאר "מענטשן מיט דיסעביליטיס" און אריינגעבן זייער AAR ID קארטל אדער AAR מעטראקארד אויף די אפליקעישאן. אויב אמאל ווערט איר אויפהערן אנטייל צו נעמען אין די Fair Fares NYC פראגראם, ווערט מען אייך אראפנעמען פון די פערי דיסקאונט פראגראם און איר ווערט מער נישט זיין בארעכטיגט פאר די דיסקאונט אויף NYC פערי. אנטיילנעמער וואס זענען אראפגענומען פון די Fair Fares NYCפראגראם וועלן דארפן זיך ווידער איינגעבן פאר די פערי דיסקאונט פראגראם.

צו זיין בארעכטיגט מוזט איר אויספילן אן אפליקעישאן אנליין, פערזענליך אדער דורך מעיל. צו מאכן פארטיג אייער אפליקעישאן, מוזט איר אריינגעבן א בילד פון אייער יעצטיגע Fair Fares NYC מעטראקארד, אריינלייגנדיג די Fair Fares מעטראקארד סיריעל נומער אין די 'צוגעבליבע באמערקונגען' חלק פון די אפליקעישאן, אדער אריינגעבן א סקרינשאט פון אייער Access HRA אקאונט וואס צייגט יעצטיגע ענראלמענט, סיריעל נומער און דאטומען פון ענראלמענט/אויסלויפן. אויב איר געבט אריין א מעטראקארד פאטא, מוז די Fair Fares מעטראקארד לעזבאר צייגן די אינדיווידועלע סיריעל נומער אלס באווייז פון בארעכטיגונג.

### ווי אזוי די דיסקאונט פראגראם ארבעט

NYCF וועט מאכן עוועילעבל די רעדוצירטע טיקעט אין איין ריכטונג פאר $1.35 אויף די NYC פערי עפ צו באשטעטיגטע פערי דיסקאונט פראגראם געניסער, און ביים קויפן פערזענליך ביי די וואל סטריט/פיער 11 פערי לענדינג.

- פערי דיסקאונט פראגראם געניסער קענען קויפן זייערע טיקעטס פערזענליך ביי וואל סטריט/פיער 11 פערי לענדינג מיט א גילטיגע פאטא ID , מאנטאג ביז זונטאג צווישן 8 אינדערפרי און 7 ביינאכט.
- טיקעטס אין איין ריכטונג וועלן זיין גילטיג במשך ניינציג (90) טעג זינט די דאטום פון קויפן.
- איינמאל דער טיקעט איז ארטיוועירט, וועט מען קענען עס נוצן במשך ביז צו 120 מינוט פאר אן איינצעלנע רייזע און טרענספערס אינערהאלב די NYCF סיסטעם אין די זעלבע ריכטונג.
- איר מעגט נוצן אייער Fair Fares NYC מעטראקארד זיך איינצושרייבן אין די פערי דיסקאונט פראגראם, אבער NYC פערי האט א באזונדערע טיקעטינג סיסטעם און אקצעפטירט נישט קיין מעטראקארדס אלס טיקעטס.

### פארלוירענע אדער גע'גנב'טע פאפירענע טיקעטס

פארלוירענע אדער גע'גנב'טע פאפירענע טיקעטס וועלן נישט פארטוישן ווערן.

### פארלאנגען א ריפאנד

עס איז נישט פאראן קיין ריפאנד פון טיקעטס. אלע סעילס זענען ענדגילטיג. נישט צו פארטוישן, פארקויפן אדער איבערצוגעבן.

### אויסלויפן פון פערי דיסקאונט פראגראם

אייער אנטיילנעמען אין די פערי דיסקאונט פראגראם וועט אויסלויפן 60 טעג נאך די דאטום וואס שטייט אויף די אנדערע זייט פון אייער Fair Fares NYC מעטראקארד.

### באנייען אנטיילנעמען אין די פערי דיסקאונט פראגראם

איר וועט דארפן ווידער זיך אריינגעבן ווען אייער Fair Fares מעטראקארד לויפט אויס. צו באשטעטיגן אייער בארעכטיגונג, מוזט איר זיך ווידער איינגעבן נוצנדיג די נייע Fair Fares מעטראקארד וואס איר האט באקומען. אייער אנטיילנעמען אין די פערי דיסקאונט פראגראם וועט אויסלויפן 60 טעג נאכדעם וואס אייער Fair Fares מעטראקארד לויפט אויס, כדי עס זאל זיין גענוג צייט צו פראצעסירן אייער באנייאונג אן קיין איבערייס אין אייער אנטיילנעמען.

# NYC פערי דיסקאונט פראגראם

**טערמינען און תנאים - יושר'דיגע טיקעטס (Fair Fares)**

**עוועילעבילעטי**

פערי דיסקאונט פראגראם טיקעטס וועלן זיין עוועילעבל נאר בשעת די פערי דיסקאונט פראגראם איז אין קראפט, אנגעפאנגען סעפטעמבער 12, 2022.

**טוישן צו די טערמינען און תנאים**

NYCF קען טוישן די טערמינען פון די פערי דיסקאונט פראגראם צו יעדער צייט דורך אייך לאזן וויסן איבער אזעלכע טוישן דורך סיי וועלכע געהעריגע מיטלען (איידער זיי קומען אריין אין קראפט), אריינגערעכנט דורך פארעפנטליכן איבערגעקוקטע טערמינען און תנאים אויף די NYCF וועבסייט. אייער באנוץ פון די פערי דיסקאונט פראגראם נאך סיי וועלכע טוישן פון צי טערמינען און תנאים וועט הייסן אז איר האט די טוישן אנגענומען. אויב איר ווילט נישט ווייטער נוצן די פערי דיסקאונט פראגראם אונטער די אפדעיטעד טערמינען און תנאים, קענט איר אויפהערן אנטייל צו נעמען דורך זיך פארבינדן מיט אונז.

**אויפהערן**

סיידן ווי עס שטייט אנדערש אין די טערמינען און תנאים, אויב סיי וועלכע פון די פונקטן פון די טערמינען און תנאים ווערן געהאלטן אלס אומגילטיג אדער אזעלכע וואס קענען נישט ענפארסירט ווערן צוליב סיי וועלכע סיבה אדער אין סיי וועלכן פארנעם, וועלן די איבעריגע פונקטן אין די טערמינען און טנאים נישט אפעקטירט ווערן , און דאס אנווענדן פון יענעם פונקט וועט ענפארסירט ווערן אויף אזוי פיל ווי עס איז ערלויבט דורכן געזעץ.

**פארוואלטנדע געזעץ**

איר שטימט צו אז די טערמינען און תנאים און סיי וועלכער דיספוט וואס קען זיך מאכן צווישן אייך און NYC פערי און זיינע אפיליעיטס ווערן פארוואלטן דורך די געזעצן פון דעם סטעיט אוו ניו יארק, נישט קוקנדיג אויף "קאנפליקטן פון געזעצן" פראוויזשאנס.

**אומבארעכטיגונג**

אויב מען געפינט אז איר זענט נישט בארעכטיגט אנטייל צו נעמען אין די פערי דיסקאונט פראגראם, וועט איר באקומען אן אימעיל אדער בריוו וואס באשרייבט די סיבה פארוואס אייער אפליקעישאן איז נישט אנגענומען געווארן. אויב איר מיינט מען האט אייך אפגעוויזן בטעות, קענט איר פארלאנגען אן איבערזיכט פון אייער אפליקעישאן אדער באנייאונג אפליקעישאן. איר מוזט מאכן דעם פארלאנג נישט שפעטער ווי 14 טעג נאך די דאטום פון די מעלדונג וואס איר האט באקומען.

**באגרעניצונגען**

די פערי דיסקאונט פראגראם דיסקאונט מעג גענוצט ווערן נאר דורך דעם מענטש צו וועם עס איז גילטיג ארויסגעגעבן געווארן. אויב נאך עמיצער נוצט אייער פערי דיסקאונט פראגראם דיסקאונט, קען מען אייך מעגליך אראפנעמען פון די פערי דיסקאונט פראגראם.

**שטראפן**

אויב איר ערלויבט עמיצן אנדערש צו נוצן אייער פערי דיסקאונט פראגראם, וועט מען אייך פארבאטן צו נוצן די פערי דיסקאונט פראגראם במשך 60 טעג. נאך די 60 טעג קענט איר ווידער זיך איינגעבן פאר די פערי דיסקאונט פראגראם. אויב איר פארלעצט די פראגראם א צווייטן מאל, וועט מען אייך אויף שטענדיג דיסקוואליפיצירן פון די פערי דיסקאונט פראגראם. אויב איר שטעלט צו פאלשע אינפארמאציע צו NYCF בכוונה אדער פרובירט אפצונארן אדער באשווינדלען NYCF אין סיי וועלכע אנדערע אופן, קען מען אייך מעגליך אויף שטענדיג דיסקוואליפיצירן פון די פערי דיסקאונט פראגראם.

**ארויסגעבן**

NYC פערי וועט באהאנדלען אינפארמאציע וואס איז שייך יעצטיגע און געוועזענע אפליקאנטן און אנטיילנעמער אלס קאנפידענציעל און מעג ארויסגעבן אזא אינפארמאציע נאר:

- צום מענטש וואס איז דער סוביעקט פון אזא אינפארמאציע אדער דעם געזעצליכן פארטרעטער פון אזא מענטש;
- אויב אויטאריזירט שריפטליך דורך דעם מענטש וועם אזא אינפארמאציע איז שייך, אדער אויב אזא מענטש איז נישט געזעצליך קאמפעטענט, דורך דעם געזעצליכן פארטרעטער פון אזא מענטש;
- אויב פאראארדענט אזוי דורך א געריכט פון קאמפעטענטע יוריסדיקציע;
- פארן צוועק פון אנפירן מיט די פערי דיסקאונט פראגראם, אריינגערעכנט איבערקוקן בארעכטיגונג און אנטייל נעמען אין די יושר'דיגע טיקעטס NYC פראגראם מיט די NYC דעפארטמענט אוו סאושעל סערוויסעס/היומען ריסורסעס אדמיניסטראציע, אויפן תנאי אז אזא ארויסגעבונג זאל דורכגעפירט ווערן אין איינקלאנג מיט אלע געהעריגע פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע פריוואטקייט געזעצן און רעגולאציעס, און זאל זיין אונטערגעווארפן אונטער די ווייטערדיגע פאדערונג אז אזא אינפארמאציע זאל נישט ווייטער ארויסגעגעבן ווערן צו קיין אנדערע דריטע צד אן קיין שריפטליכע ערלויבעניש פון NYC פערי;
- ביי NYC פעריס וואלן, צו א געזעץ אינפארסירונג אגענטור אדער דיסטריקט אטארני'ס אפיס כדי אויסצופארשן פארדעכטיגטע פעלער פון שווינדל אין שייכות מיט די אנפירונג פון די פראגראם; און
- צו א געזעץ אינפארסירונג אגענטור אדער דיסטריקט אטארני'ס אפיס וואס סערווירט NYC פערי א געריכטליכע סובפינע אדער געריכטליכע וואראנט.

# NYC פערי דיסקאונט פראגראם

**אפליקעישאן פארעם**

**ערשטער נאמען***

**לעצטער נאמען***

**פאון***

**אימעיל***

**מעילינג אדרעס**

**סטריט***

**שטאט***

**סטעיט***

**זיפ***

**לאנד***

**פערי מאבייל עם אקאונט NYC האט איר שוין א*?**

יא

ניין

**געוואונטשענע קאנטאקט מעטאד***

אימעיל

בריוו

**פערי דיסקאונט אפליקעישאן טייפ***

יושר'דיגע טיקעטס פראגראם

סיניאר סיטיזען

מענטשן מיט דיסעביליטיס

**שטיצנדע דאקומענטן***

איך האב נאכגעקוקט דעם בארעכטיגונג פאדערונגען חלק אויבן און צוגעלייגט אלע געהעריגע דאקומענטן

**אנערקענונג פון טערמינען***

איך טוה אנערקענען אז איך האב געלייענט און שטים צו מיט די טערמינען און תנאים וואס זענען אסאציאירט מיט די אפליקעישאן

**היינטיגע דאטום***

**דרוקט אייער נאמען אין דעם קעסטל אנצואווייזן אונטערשריפט***

**צוגאבליכע קאמענטארן**

כדי אריינצוגעבן אייער אפלקעישאן, ביטע שיקט פארטיגע אפליקעישאנס צו:

**NYC Ferry Operated by Hornblower Attn. Ferry Discount Program**

63 Flushing Ave, Building 5, suite 100

Brooklyn NY 11205

אדער ברענגט עס פערזענליך צו:

**Pier 11 Ticket Booth**

Pier 11, South Street New York,

New York 10005